גליון א | בא-בשלח

בס"ד

להרוות צמאון נפשות ישראל מהר היוצא מעדן נחל נובע מקור חכמה

# להחיות

אור תורת רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

אידיש

## והחיה נרדמים

להחיות נפשות שוקקות לעבודתו יתברך שמו // **ברוך לב**

# וואס זוכט ער אינעם אפלויף קאנאל?

### די אַקציע אין דעם אָפּלויף סיסטעם

עס איז געווען א געווענליכע פארמיטאג, מרדכי יצחק שפאנט זיך געמיטליך אויפן וועג אהיים פון שחרית. פלוצלינג אנטפלעקט זיך פאר זיינע אויגן א סצענע ביים ווינקל פון גאס וואס האט אויסגערופן גרויס וואונדער אין זיינע אויגן. נעמליך עטליכע אינגעלייט זענען געווען פארזאמלט און געשטאנען איבערגעבויגן איבערן סוער אפלויף, ווען עטליכע פון זיי שטייען מיט פארשמירטע הויזנס.

זיין נייגער האט אים געשטופט זיך צו דערנענטערן צום סצענע, אבער דאן דערגרייכנדיג נאנט צום אָרט ווען זיין נאז דערשפירט שוין דעם אזוי נישט-איינגענעמע ריח, האט זיין וואונדער דערגרייכט צום קלימאקס, זעענדיג ווי צוויי פון די אינגעלייט שטייען - נישט מער און נישט ווייניגער - אין דעם לאָך דארטן ווי עס פליסט די אומאנגענעמליכע סוער וואסער - און פארשמירטערהייט פאטשקען זיי אין די שמוציגע וואסער...

קיין נארמאלע הסבר פאר דעם מאדנעם געשעעניש האט ער נישט געטראפן. איז נישט פארבליבן ביי אים קיין ברירה נאר צוצוגיין נענטער צום אפלויף קאנאל און זיך ווענדן צו איינע פון די אינגעלייט וועלכע באטייליגן זיך ביים אוממאָראַלישן אקציע און פרעגן וואס איז פשט דערפון.

דער אינגערמאן צו וועמען ער האט זיך געווענדן האט אים נישט געשאנקען צופיל אויפמערקזאמקייט, ער איז געווען פארנומען צו שרייען צו די צוויי אונטן אין דעם גרוב, "קוק, דארט אין דער רער זעה איך עפעס". בעת ווען א צווייטער שרייט, "זוך טיפער אונטער דער וואסער". מרדכי יצחק האט נישט עספיעט צו לאזן זיין וואונדער וואקסן, ווען פון אונטן אין דעם אפלויף גרוב הערט זיך א פרייד אויסרוף: "געטראפן!"

איינע פון די אינגעלייט קלעטערט ארויף פארשמירט פון קאפ ביז פיס, ווען אין זיין האנט ליגט אַן אביעקט, וואס צוליב עס איז פארשמירט מיט די נישט בעסטע סחורה, דערקענט נישט מרדכי יצחק דער אינהאלט דערפון, אבער קורץ דערנאך ווערט ער באריכטעט מיט די פולע געשיכטע וואס דא האט זיך אפגעשפילט:

א חשוב'ער אינגערמאן, שפאנענדיג אויפן וועג אהיים פון שחרית, ווען זיין קאפ איז מסתמא געווען פארטיפט אין א שווערן קצות, האט נישט באמערקט ווי דאס דעקל פון דעם סוער לאָך ביים זייט פונעם שאסיי איז נישט געווען אינגאנצן פארמאכט, ווארשיינדליך צוליב לעצטיגע בוי-ארבעט אויפן ארט, און אריבערגייענדיג דערנעבן האט זיין פיס געמאכט דעם וועג אריין אינעם לאך. זיין גוף האט ער ב"ה באוויזן צו ראטעווען צוליב וואס דער לאך איז נישט געווען צו גרויס, אבער צום באדויערן איז זיין טלית ותפילין וועלכע ער האט געהאלטן אין האנט בשעת'ן אומפאלן, ארויסגעפאלן און זיך אריינגעקייקלט גלייך אינעם שמוציגן גרוב אריין...

גלייך איז ער אריינגעלאפן אין דעם דערנעבנדיגן ביהמ"ד און פארלוירענערהייט אויסגעשריגן צו א קופקע אינגעלייט וועלכע זענען געשטאנען דארט - זיי זאלן ראטעווען דער מצב דא. אפאר טעטיגע חברה - נישט קענענדיג צוזען 'כבלע את הקודש' - זענען גלייך צוגעלאפן צום אפלויף און דורכגעפירט דער אקציע וואס ווערט געשילדערט אין די פריערדיגע שורות...

### ויעקב ובניו ירדו מצרים

פארווארפן אין א פרעמד לאנד אונטער דער דיקטאטורישע הערשאפט פון דעם קעניג פרעה, האבן זיך אידישע קינדער געפונען פאַרפּייניגט און פאַרפּלאָגט. אונטער זיינע גרויזאמע געזעצן האבן זיי געשמאכטעט ווען פרעה און זיינע דינער צווינגען ארויף אויף זיי שווערע צוואנגס-ארבעט ווי נידריגע שקלאפן.

עס איז טונקל, עס איז ביטער, ממש נישט צום אויסהאלטן. כלל ישראל האט זיך דערשלאגן צום נידריגסטן שטאנד. דער "וימררו את חייהם" שפירט זיך אין אלע ביינער שוין באלד "צוויי-הונדערט און צען יאר" וואס זיי שמאכטן באדמת בני חם. פון טיפעניש פון הארץ שרייט זיך ארויס א געשריי צום אויבערשטן, "ויזעקו בני ישראל מן העבודה".

נישט צום פארשטיין. קינדער פון דעם אויסדערוועלטן פאלק - בני אברהם יצחק ויעקב - זאלן זיך דערשלאגן צו אזא טיפן נידריגן מצב? ווי קומט דאס צו די קינדער און אייניקלעך פון די שבטי י"ה, צו באדינען די שווארצע מצריים?

דער הייליגער אר"י הקדוש איז אונז מגלה דעם סוד. ווען אדם הראשון האט געזינדיגט זענען צוליב זיינע חטאים פאַרפאַלן געווארן ניצוצות הקדושים אין דער טומאה, ווערנדיג פארוואָגלט דארטן אין מצרים אין ערוַת הארץ.

אידישע קינדער ביים אראפנידערן קיין מצרים האבן פארמאגט די אויפגאבע צאמצוקלויבן אט די הייליגע ניצוצות און זיי צוריק מעלה זיין און ארויפברענגען צו דער קדושה.

דער פסוק זאגט, ווען אידן זענען ארויס פון מצרים האבן זיי אויסגעזעקלט דאס לאנד - "וינצלו את מצרים". עס איז נישט פארבליבן דארט קיין שום ניצוץ פון דער קדושה, אלעס האבן זיי ארויסגענומען און ארויפגעברענגט צוריק צו דער קדושה. דאס איז די הבטחה וואס דער רבוש"ע האט צוגעזאגט פאר אברהם אבינו "ואחרי כן יצאו ברכוש גדול".

אויבן-אויף האט טאקע אויסגעזען ווי די אידן זענען געווען פאַרוואָרפן אין דעם טיפסטן אפגרונד, אין דעם טונקלסטן אָרט, אין דעם שרעקליכסטן מצב. אבער מיט די ווערטער פון דעם הייליגן אר"י הקדוש ווערן מיר געוואויר אז עס איז גאר געווען אַן אקציע ארויסצושלעפן פון דארטן די טייערסטע חלקי הקדושה וועלכע זענען געווען דארטן אריינגעפאלן.

### א געלעגנהייט צו פאררעכטן

ס'איז טונקל, קאלט, אינמיטן די חדשים 'טבת-שבט' וועלכע ווערן באטיטלט אלץ 'חדשי עשו', די נעכט זענען לאנג, די טעג זענען קאלט, די מצב איז היבש אומעטיג...

אבער דא ווערן מיר פלוצלינג געוואויר איבער נאך אַן אנטפלעקונג פונעם הייליגן אר"י הקדוש. אט די וואכן פארמאגן אין זיך א געוויסע ספעציעלקייט, די וואכן ווערן אנגערופן מיט אַן עקסטערן נאמען "שובבי"ם". דער באדייט דערפון איז, דאס זענען אויסדערוועלטע וואכן צו מתקן זיין געוויסע פגמים וועלכע איז נישט אזוי גרינג צו פאררעכטן סתם אזוי.

פונקט ווי אין מצרים, ווי די אידן זענען געווען פאַרוואָרפן און דערביטערט "מקוצר רוח ומעבודה קשה", האבן זיי געטראגן א ספעציעלע "מיסיע". אזוי אויך היינט צוטאגס ווען מען לייענט די פרשיות וועלכע שילדערן די קושי השעבוד אין מצרים, פארמאגן מיר א געלעגנהייט צו פאררעכטן און צוריקברענגען פארווארפענע ניצוצות צו דער קדושה.

צומאל ווערן די וואָכן פון שובבי"ם אויסגענוצט אויף א צייט זיך צו מעורר זיין און הערן מוסר איבער'ן זיך צו פארבעסערן די מעשים, ווען געוויסע פאלן צוליב דעם אריין אין א מרירות, זיי זוכן שוין אז די וואָכן זאלן פארביילויפן און מען זאל שוין אויפהערן צו רעדן פון די 'שרעקעדיגע' זאכן...

ברוך ה' אז מיר האבן א רבי וואס רעדט א גאנץ יאר אז מען דארף זיין הייליג. מיר האבן א רבי וואס פארלאנגט פון אונז 563 טעג א יאר צו מאכן התבודדות און זיך משפט'ן אויף אלע נישט גוטע מעשים און תשובה טון דערויף. מיר האבן א רבי וואס גיט אונז די ריכטיגע עצות ווי צו זוכה זיין צו א לעבן פון קדושה. מיר האבן א רבי וואס האט גענומען אויף זיך אונז צו מתקן זיין און ארויסשלעפן פון יעדער בלאָטע.

לאמיר נישט פארגעסן דער עיקר וואס מיר קענען פארדינען פון אט די הייליגע וואָכן: "פאררעכטן און צוריקברענגען דאס וואס מיר האבן קאליע געמאכט". דאס געשעט דורך יעדע קליינע עבודה'לע וואס מיר זענען זוכה אריינצוכאפן - אפילו אויב ס'איז נישט נאנט צו 6 שעה רציפות. און דער עיקר תיקון איז, נאר דורך שמחה, אזוי ווי דער הייליגער רבי נתן שרייבט אין ליקוטי הלכות אין הלכות פריה ורביה הלכה ג' אות י"ג:

**"וּלְמִי שֶׁזּוֹכֶה לְהַרְגִּיל עַצְמוֹ וְלִשְׂמֹחַ בְּשִׂמְחָה הַזֹּאת, בְּוַדַּאי יִזְכֶּה לְכָל טוּב, וְיִמָּחֲלוּ לוֹ כָּל עֲווֹנוֹתָיו, כִּי זֶהוּ בְּחִינַת שֶׁמְּהַפֵּךְ הַיָּגוֹן וַאֲנָחָה לְשִׂמְחָה כַּנַּ"ל, שֶׁזֶּהוּ עִקַּר שְׁלֵמוּת הַשִּׂמְחָה. וְעַל-יְדֵי-זֶה נַעֲשֶׂה יִחוּד גָּדוֹל לְמַעְלָה, כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ זַ"ל (סימן י תנינא): שֶׁנַּעֲשֶׂה יִחוּד גָּדוֹל לְמַעְלָה עַל-יְדֵי בְּדִיחָא דַעְתֵּיהּ, עַל-יְדֵי שֶׁאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי מְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ וּמְשַׁבֵּר הָעַצְבוּת וּמְהַפְּכוֹ לְשִׂמְחָה, וְעַל-יְדֵי-זֶה מְבָרְרִין וּמַעֲלִין כָּל הַנִּיצוֹצוֹת מֵעִמְקֵי הַקְּלִפּוֹת שֶׁנָּפְלוּ לְשָׁם עַל-יְדֵי פְּגַם הַבְּרִית, כִּי עִקַּר נְפִילָתָם הוּא לִבְחִינַת יָגוֹן וַאֲנָחָה כַּנַּ"ל. וּכְשֶׁזּוֹכֶה לַהֲפֹךְ הַיָּגוֹן וַאֲנָחָה לְשִׂמְחָה, עַל-יְדֵי-זֶה מַעֲלֶה כָּל הַנְּפָשׁוֹת וְהַנִּיצוֹצוֹת שֶׁנִּדְחוּ לְשָׁם וּמַחֲזִירָם לְתוֹךְ הַקְּדֻשָּׁה, שֶׁהוּא הַשִּׂמְחָה כַּנַּ"ל".**

---

# אילנא דחיי

עובדות און סיפורים פון פאַרצייטישע חסידים

## "פרנסה?! דאָס איז וואָס עס פעלט דיר?!"

שבת צופרי אינעם שטאָט ברסלב. פון די פילע שוהלן וואָס זענען צושפּרייט איבער די ווינקלען פון שטאָט, שפּאַרן אַרויס קולות פון דאַוועַנען, אין איין שוהל האַלט מען שוין ביים ליינען, און אין אַנדערן גאָרגלט זיך נאָך דעם חזנ'ס שטימע מיט'ן געזאַנג פון 'קל אדון'. דאָ און דאָרט זעט מען שבת'דיג געקליידעטע קינדערלעך זיך אַרומשפּילן אין די גאַסן און הויפן.

אין שאַרפן קאָנטראַסט צום דערהויבענעם שבת'דיגן אַטמאָספער, אין צווייטן עק פון שטאָט, שטייט דער הויכער געביידע פון שטאָטראַט. אינעם אומגעגנט פונעם בנין איז נישטאָ קיין שום צייכן פונעם הייליגן שבת. די איינגעשטעלטע זיצן איבערגעבויגן איבער די שרייב טישלעך, צוגרייטנדיג פאַרשידענע דאָקומענטן און פלאַצירנדיג זיי אין די אַרכיוון. אַ געפיל פון פראָסטע וואָכנדיגקייט הערשט אין די לופט.

צום גרויסן ווייטאָג, געפינט זיך צווישן די איינגעשטעלטע אויך אַ געבוירענער איד וועלכער איז נעבעך פאַרפאָרן - 'דער דייטשל' האָט מען אים גערופן, אויפ'ן נאָמען פון זיין מאָדערנע דייטשע טראַגע. אויך ער איז דאָרט געזעסן, ווי גלייך ס'איז נישטאָ קיין שבת אויף דער וועלט ר"ל. אַזוי ווי זיין טעגליכע פירונג, טוען אויך היינט זיינע הענט איינטינקען דעם פעדער אין טינט בשעת ער זעצט פאָר צו שרייבן גלייכע ליניעס אויף די געפאָדערטע דאָקומענטן. אוממערקנדיג טריפן אַראָפּ עטליכע טינט-טראָפּן אויף זיינע פינגער, איבערלאָזנדיג שמוציגע פלעקן.

אָפּגעענדיגט זיין אַרבעט, לאָזט זיך דער דייטשל אַרויס אויפ'ן גאַס, ריכטנדיג זיינע טריט צום אידישן קוואַרטל. ער וויל אַ ביסל שטילן זיין אידיש געפיל; עס איז דאָך שבת היינט און עס לוינט זיך אַריינצוכאַפּן אַ באַזוך אין שוהל.

ער שפּאַנט אַריין אין ערשטן בית המדרש וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין וועג. איינער פון די מתפללים דערקענט אים, און גלייך שרייט ער אויס: "מחלל שבת - אַרויס! שייגעץ אַרויס!" ער פּרואווט זיין מזל אין אַן אַנדערן שוהל, נאָר דאָ האָט אים דער גבאי פאַרכאַפּט דעם וועג און אים אומצווידייטיג פאַרשטיין געגעבן אַז ער זאָל אפילו נישט פּרואוון אַריינצוטרעטן אינעווייניג.

אַזוי וואַנדערט ער פון איין שוהל צום צווייטן, ביז ער טרעפט זיין פּלאַץ אינעם ברסלב'ער בית המדרש, אונטער די אָנפירונג פון ר' נתן זצ"ל. דאָ, לויט ר' נתנ'ס קלאָרע אָנווייזונג, טוט מען נישט פאַרמיידן דעם איינטריט פאַר קיינעם.

מען האַלט שוין ביי די הויכע שמונה עשרה פון מוסף. די חסידים הייבן זייערע הענט מיט התלהבות'דיגע געשרייען פון "כתר יתנו לך".

אָט הייבט דער דייטשל אויך זיינע הענט און צו אַלעמענ'ס אַנטריסטונג זעט זיך קלאָר אָן די פרישע פלעקן פון טראָפּנס טינט אויף זיינע פינגער...

אַזוינס האָבן עטליכע חסידים שוין נישט געקענט פאַרשווייגן. זיי האָבן זיך געוואָנדן צו ר' נתן מיט אַ פאָדערונג אים אַרויסצוּוואַרפן פון בית המדרש מיט אַ וואָרענונג ער זאָל זיך נישט וואַגן נאָכאַמאָל אַהערצוקומען.

אָבער ר' נתן האָט זיי גלייך אָפּ געהאַלטן, זאָגנדיג: "רירט אים נישט אָן! טראָצדעם וואָס ער איז אַ זינדיגער איד, קומט ער אָבער נישט אומזיסט אין בית המדרש. ווי עס שיינט ציהט אים עפּעס אינערליך אַהער. לאָזט אים."

ר' נתנ'ס ניכטערן בליק איז ביסלעכווייז פאַרווירקליכט געוואָרן. דער דייטשל האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום ברסלב'ע חסידות, און אין פאַרלויף פון די צייט איז ער איבערגעדרייט געוואָרן צו אַן ערליכער איד וועלכער היט אַלע מצוות גרינגע ווי האַרבע צוגלייך; אַ ברסלב'ער חסיד מיט'ן גאַנצן האַרץ און זעהל, אזש ר' נתן האָט זיך אויסגעדרוקט אויף אים: "אויף יענע וועלט וועל איך זיך באַרימען מיט אים פאַר'ן כסא הכבוד!"

פערציג יאָר זענען פאַראיבער. דער דייטשל, שוין דאַן אַ גרייז-גרויער אַלטער איד, זיצט זיך אויף זיין באַשטימטן אָרט אין ברסלב'ער שוהל. די חסידים זענען פאַרטון אין אַן ערנסטן 'שיחת חברים'. איינער פון די אינגעלייט פאַרקלאָגט זיך אויף זיין געענגטן מצב אין פרנסה, און ער לייגט פאָר דעם לעזונג וואָס איז אים בייגעפאַלן; ער וועט פאָרן צום רבי'נס ציון און מתפלל זיין פאַר אַ גרינגע פרנסה...

און אומגלויבליך, אָט-דער דייטשל וועמענ'ס אויפגעהויבענע הענט אַמאָל האָבן באַוויזן אויף חילול שבת בפרהסיא - איז אויפגעשפּרינגען ווי אַ שלאַנג-געביסענער הערנדיג די ווערטער, און האָט אויסגעשריגן:

"שוין פערציג יאָר וואָס איך פאָר צום רבי'ן אויף ראש השנה, און איך האָב אפילו איינמאָל נישט געהאַט די פרעכהייט צו בעטן פונעם רבי'ן פרנסה. צו איז דאָס דען די איינציגסטע זאַך וואָס פעלט דיר? פרנסה?!"

דאָס זענען געווען די באַגריפן פונעם דאָזיגן דייטשל, וועמענס גאַנצע שטרעבונג אויף דער וועלט איז געווען בלויז רוחניות. ער האָט געגרייכט צו אַזאַ הויכע מדריגה אז עס איז אים ניטאָמאל געקומען אויפ'ן געדאַנק צו בעטן אויף גשמיות'דיגע געברויכן!

לתרומות הערות והארות וכן לקבלת הגליון אפשר לפנות בקו
מערכת ברסלב **025.808.321** שלוחה 9<5 - (מענה אנושי)

---

## לחיותינו כהיום

מהנעשה והנשמע בקרב המסתופפים בצילא קדישא

**להחיות...**

נאר דער וואָרט אליין ברענגט שוין אריין א חיות און א לעבהאפט!

אין א דור פון הונגער און דאָרשט, ווען דער פסוק "לא רעב ללחם ולא צמא למים" וכו' שפילט זיך אפ ווי א לעבעדיגע סצענע, די פילע נסיונות הזמן לאזן איבער צענדליגע אידישע נשמות אין דעם פריעסטן עלטער אָן קיין לעבנס-לוסט, אָן קיין שום חיות, אט אין דעם דור איז אנטפלעקט געווארן דער 'מקור מים חיים', דער ריינער קוואל פון 'חיות'...

פון צווישן אלע דערנער, פון אונטער די שווערסטע שטיינער, פליסט די ריינע לויטערע וואסער פונעם 'נחל נובע מקור חכמה', וואס טרינקט אָן די דארשטיגע, שטארקט די געפאלענע, מוטיגט די צובראכענע, 'כמים קרים על נפש עייפה'...

**להחיות...**

א גייסט פון 'לעבהאפט' בלאזט אריין אין חסידי ברסלב אין אמעריקע הערנדיג די גינסטיגע בשורה אז ענדליך איז ערשינען אַן ערשטמאָליגע רייכע גליון אויף דער אידישער שפראך, געשריבן מיט א היימישע געשמאק, אהערצושטעלן דעם הייליגן רבי'נס דיבורים כשולחן הערוך, 'אויפצולעבן' נשמות ישראל מיט די זעלטן-רייכע און הייליגע עצות וואס דער הייליגער רבי ותלמידו הגדול האבן אונז איבערגעגעבן.

דער אויסנאם-רייכע גליון 'להחיות' וועלכע איז ערשינען דעם פארגאנגענעם חנוכה צום ערשטן מאל אויף לשון הקודש פאר די בני ארץ ישראל, האט שוין אנגעיאָגט אין א קורצע צייט צו שאפן א מהפיכה בקרב חסידי ברסלב, ווען כלל דורשי ומבקשי השם האבן 'אויפגעלעבט' מיט די ערליכע טיפע מאמרים געשריבן אזוי געשמאק און רייך להחיות עם רב.

יעצט איז געקומען די רייע אויך פאר די בני חוץ לארץ. נאך פילע פארלאנגען צו די געטרייע עסקנים איז געהערט געווארן דער רוף פון אנ"ש בני הגולה, און בכוחו של אותו זקן איז ארויס לפועל דער ערליכער גליון וואס ליגט אצינד אין אייערע הענט.

דער גליון 'להחיות' איז אהערגעשטעלט געווארן טאקע מיט דעם בלויזן ציל 'להחיות'... 'אויפצולעבן' אידישע קינדער. אריינבלאָזן א 'חיות' און א 'לעבהאפט' אין דורשי ומבקשי השם וועלכע זוכן און לעכצן און בענקען לעשות רצון אביהם שבשמים.

•

ווי פאסיג איז יעצט, שטייענדיג בלויז איינצלנע וואכן נאך וואס די אמעריקאנער פאפרוירענע ערד האט "אויפגעפלאקערט", ווען א ציבור פון איבער טויזנט(!) היימישע ברסלב'ער חסידים האבן זיך אינאיינעם צוזאמגענומען תחת קורת גג אחד לשמוע את דבר השם - זיך צו באנייען און זיך אויפפרישן מיט די עצות פון דעם הייליגן רבי'ן און ווייטער אנצוהאלטן דעם פייער'ל און עס אריינפיירן טיף אין הארצן אריין.

די געפילן זענען נאך ווארעם, די הרגשים זענען נאך איבערגענומען, חסידי ברסלב וועלכע האבן אויסגעפירט דער צוואה פון דעם הייליגן רבי'ן און מקיים געווען דעם 'רק תחזיקו עצמכם ביחד', האבן טאקע בפועל געשפירט אז דער הייליגער רבי איז דא מיט אונז. די אהבה און די 'ריבוי הבתים' האבן ממשיך געווען דעם רוח פון דעם הייליגן רבי'ן אזש מען האט עס פשוט געשפירט אין דער לופטן.

נישט אזוי שנעל וועלן אנשי שלומינו מוותר זיין אויף דער הייליגער הרגשה. אונטער דעם רושם פונעם פייער'דיגן מעמד זעט זיך אָן א שטארקע התעוררת ביי אנשי שלומינו אין אלע שטעט זיך צו שטארקן צו קומען וועכנטליך צו די חבורות, ווען פילע פרישע חבורות ווערן געגרינדעט אין אלע צענטערן. אזוי אויך באנייען זיך אנ"ש צו קומען דאווענען אין די שולן 'הנקרא על שם הצדיק', שפירנדיג בחוש דאס וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט: "אז איר וועט זיך האלטן אינאיינעם וועט איר מיר ממשיך זיין!".

גייענדיג צום דרוק קומט אריין די פריידיגע בשורה אז מען האט בעזר השם געשלאסן אויף א מקום רחבת ידים מחוץ לישוב וואו עס וועט בעזר השם געפראוועט ווערן די יערליכע געהויבענע שבת התאחדות 'שבת להתחדש' פאר כלל אברכי אנ"ש אין אמעריקע. 'לקראת שבת לכו ונלכה'!

•

עס איז צום האפן אז דער גליון 'להחיות' וועט דינען בעזהשי"ת אלס די פאסיגע פלאַטפאָרמע צו פאראייניגן אנ"ש פון אלע צענטערן און שטעט 'לקבל דין מן דין' דעם דעת פונעם הייליגן רבי'ן און זיך אינאיינעם 'אויפלעבן' מיט זיינע הייליגע וועגן.

דימון | עיצוב והדמיה



# חיות דקדושה

א געשמאקע חבורה

# אפילו מען זעט נישט קיין תועלת, דאס איז אבער וואס מיר דארפן טון!

## איך קום נישט צום חבורה

אההה..... משה אברהם צוקרעבצט זיך אויסציענדיג זיינע ביינער, ווען מיט איין האנט נעמט ער א שטיקל פון די איבערגעבליבענע שיריים פונעם קוכן.

"ווייסט וואס איך וועל דיר זאגן עס איז גאנץ געשמאק צו קומען צו די חבורה" רופט ער זיך אן צו פנחס וועלכער האט נארוואס אריינגעשטעקט זיין רעכטע האנט אינעם מאנטל זיך מאכענדיג גרייט צו גיין.

די וועכנטליכן חבורה פון יעדן דינסטאג נאכט, איז נארוואס געשלאסן געווארן, מען האט גערעדט ווי יעדע וואך שיינע דיבורים פונעם הייליגן רבי'ן. דאסמאל האט זיך פארמירט א שיינע שמועס אויך די ענין פון התחדשות, א טעמע וועלכע פארמאגט פיל שטאף ביים הייליגן רבי'ן. עס איז ארויסגעקומען אסאך קלארקייטן ביים שמועס, ווען יעדער לייגט צו זיינע געדאנקען און הערות. יעצט זענען מייסטנס עולם זיך שוין צוגאנגען און נאר עטליכע זענען געבליבן, "משה אברהם' ווי געווענדליך איינע פון זיי, פרובירט אין די עטליכע מינוט צו פארמירן א געמיינזאמע שמועס מיט פנחס.

"עס איז געשמאק – איז פנחס איינשטימיג – אבער איך בין נישט זיכער אז איך וועל ממשיך זיין צו קומען..."

"וואס???" אברהם משה איז אויפגעשפרינגען "פארוואס נישט???... דו קענסט דאס נישט... דו מוזט קומען... א שטיק חיות פאר דיר און א שטיק חיות פאר 'די חבורה' וועט אפשטארבן... ניין, דו מוזט קומען!"

פנחס האט פארמאכט די אונטערשטע קנעפל פון זיין מאנטל און געדרייט דעם טיר הענטל, "איך שפיר נישט אזוי. איך שפיר נישט קיין שום שטיק חיות וואס איך באקום ביי די חבורה, און קיין שום שטיק וועט נישט ווערן אוועקגענומען. איך זעה נישט איך זאל האבן א גרויסע תועלת פונעם חבורה, אין די צייט קען איך מאכן התבודדת, קען איך לערנען דעם רבי'נס ספרים און אריינכאפן פיל גוטע זאכן. מען איז נישט דא אויף די וועלט אויף אייביג מען דארף אריינכאפן, פאדעם בין איך געקומען אויף די וועלט? צו זיצן און פארברענגען מיט חברים? זינגען ניגונים און עסן ספאנטש קעיק? ניין איך מיין אז איך הער אויף קומען!"

## וואס תועלת? די רבי האט געהייסן!

"זאג מיר דעם אמת - זעצט זיך משה אברהם צוריק אראפ לייגענדיג איין פיס אויפן אנדערן- דו לערנסט יעדן טאג דעם הייליגן רבי'נס ספר ליקוטי מוהר"ן?"

"יא אוודאי וואס איז די שאלה?!"

"און יעדן טאג נאך וואס דו ענדיגסט לערנען ליקו"מ שטעלסט דיך אויף מיט א התעוררת, און דו האסט עצות אויף למעשה?"

"ניין – איז פנחס אויפריכטיג – זייער אסאך מאל מאכט זיך אז איך דארף לערנען בלויז מיט אמונה אז איז די הייליגע רבי'נס ספר, און דורך דעם ווער איך מקושר צו אים, עס הייליגט מיר און מאכט מיר ליכטיג דאס לעבן, אפילו איך שפיר עס נישט ממש אויפן פלאץ..."

"זייער גוט – איז משה אברהם צופרידן – יעצט, זאג מיר: מאכסט יעדן טאג התבודדת?"

"איך פרוביר!"

"האסט נישט מורא אז עס איז ביטול תורה? קענסט דאך אין די צייט לערנען א פאר בלאט גמרא, א פאר סימנים שו"ע, קענסט אויך דעמא....

"וואס איז מיט דיר? - האקט פנחס איבער – ביסט היינט געבוירן? תפילה און התבודדת איז פונקט אזוי חשוב ווי לערנען, און אפשר נאך מער! קוק אריין אין הלכות ר"ח ה'... און סתם אזוי עס איז א תיקון און אן עצה פון רבי'ן וואס איך בין מחויב און איך וויל און וועל עס פאלגן מיט מסירות נפש! און דאס - פונקט ווי פריער ערוועהנט – וועל איך מאכן אויך ווען איך שפיר נישט קיין תועלת, אויך ווען איך זעה נישט קיין רעזולטאטן, די רבי האט געהייסן און איך פאלג!"

## פונקט אזוי א תיקון פון רבי'ן

משה אברהם שאקלט מיטן קאפ, "דאס האב איך געוואלט הערן און דיר לאזן הערן. אז אט די חבורה פון וואס דו ווילסט אוועקגיין איז פונקט אזוי אן עצה פון רבי'ן! די ענין פון שיחת חברים און נקודת החבר וואלסטו געדארפט פאלגן אויך ווען דו שפירסט נישט קיין תועלת, אויך ווען אין די צייט קענסטו אריינכאפן אנדערע זאכן."

"נאך מער די רבי האט געלאזט פאלן ווערטער אז אויף דעם אופן וועט זיך זיין זאך האלטן (חיי"מ מ"ו)!!"

"די רבי זאגט עס איז דא דריי נקודות נקודת הצדיק דאס הייסט לערנען דעם רבי'נס ספרים וואס ווי דו זאגסט טוסטו עס יעדן טאג. נקודת עצמו – דאס מיינט התבודדת וואס ווי איך הער פארפעלסטו נישט קיין טאג דערפון. און דאן קומט נקודת החבר – רעדן מיט חברים יראת שמים (ליקו"מ ל"ד)! פון די ווערטער פון ר' נתן (הלכות תפילין ה') קומט אויס אז די צוויי ערשטע עיקר נקודות גייט נאר דורך די מיטעלסטע נקודה..."

"איך זאג דיר נישט וואס צו טון, דיין שיחת חברים מוז נישט זיין דווקא ביי אונזער דינסטאג חבורה, דאס זאלסטו שוין אליין אויסשמועסן ביי דיין התבודדת. איך וויל דיר נאר אויפמערן אז 'שיחת חברים' האט נישט צו טוען צו מען שפירט יא א תועלת אדער נישט, עס איז א תיקון פון רבי'ן פונקט ווי אלע תיקונים, און יא! פארדעם איז מען אראפ געקומען אויף די וועלט! און אז דו ווילסט נישט מוזטו טאקע נישט עסן פון די ספאנטש קעיק..."

"פארוואס זאגסטו אז מען שפירט נישט קיין תועלת?" עס איז געוועזן זאנוויל'ס שטימע. אינטערעסאנט זיי האבן ניטאמאל באמערקט אז ער איז אריינגעקומען...

"דו **מיינסט** אז דו האסט נישט קיין תועלת, איך האב אויך אזוי געמיינט ביז לעצטנס, די לעצטע פאר וואכן האט זיך געמאכט ביי מיר אז איך האב געהאט געוויסע מניעות צו קומען, און איך האב באשיינפערליך אנגעהויבן שפירן אז עפעס פעלט. ווילאנג מען קומט יעדן וואך כאפט מען זיך נישט אייביג וואס מען האט, ווען מען פארפעלט אבער, זעהט מען אז געבט גאר אסאך צו, די וואך גראדע האב איך זיך גאר אנגעשטרענגט צו קומען זעהט אבער אויס אז איך האב שוין פארפאסט, אבער עפעס דברי אלוקים חיים פון משה אברהם האב איך נאך עספיעט צו הערן יעצט. און א שטיקל קוכן זעה איך איז נאך אויך געבליבן..."

משה אברהם האט זיך צושמייכלט, "נו וואס זאגסטו פנחס קומסט נעקסטע וואך?"

א קווענקלדיגע מינע האט זיך באוויזן אויף פנחס'ס געזיכט "דו זאגסט גאנץ גוט, איך וועל עס טאקע דארפן דורך שמועסן ביי התבודדת, איך האף קומענדיג דינסטאג צוריק צו קומען מיט א פאזעטיווע ענטפער........"


מזל טוב לידידינו
הר"ר **יואל מאשקאוויטש** שליט"א
וויליאמסבורג
**לרגל הולדת בנו למזל"ט**
בזכות רביה"ק יזכה לגדלו לתורה ולחופה ולמעש"ט.

מזל טוב לידידינו
הר"ר **שלמה יעקב לויפער** שליט"א
קרית יואל
**לרגל הולדת בתו למזל"ט**
בזכות רביה"ק יזכה לגדלה לתורה ולחופה ולמעש"ט.

מזל טוב לידידינו
הר"ר **ישראל אהרן כ"ץ** שליט"א
וויליאמסבורג
**לרגל הולדת נכדו למזל"ט**
בזכות רביה"ק יזכה לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח.

מזל טוב לידידנו המחותנים
הר"ר **בעריש סאנדער** שליט"א
מקרית יואל
והר"ר **שמשון פאגעל** שליט"א
מוויליאמסבורג
**לרגל שמחת אירוסי צאצאיהם למז"ט**
בזכות רביה"ק יזכו לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח.

חלק מהוצאות הגליון נתנדב לע"נ
הרה"ק ר' **משה** בן הרה"ק ר' **חיים צבי** זצ"ל
בעל הברך משה מסאטמאר

מזל טוב לידידינו
הר"ר **אלי' פעדער** שליט"א
וויליאמסבורג
**לרגל הולדת בתו למזל"ט**
בזכות רביה"ק יזכה לגדלה לתורה ולחופה ולמעש"ט.

מזל טוב לידידינו
הר"ר **יחזקאל שרגא לאנדא** שליט"א
מאנסי
**לרגל הולדת בנו למזל"ט**
בזכות רביה"ק יזכה לגדלו לתורה ולחופה ולמעש"ט.




# להחיות עם רב

תשועה ברוב יועץ
בדרך שאלה ותשובה

הרה"ח ר' שאול סירוטה שליט"א



**שאלה:**

איך מוטשע זיך, מיט שלעכטע מחשבות וואס פייניגן מיר אן אויפהער, און וויל וויסן וואס וויל דער אויבערשטער פון מיר מיט די אלע נסיונות פון שלעכטע מחשבות? און ווי אזוי גיב איך זיך אן עצה דערמיט? איך שפיר זיך געפאנגען אָן קיין זעלבסט-קאנטראל אויף מיר?

**תשובה:**

גאר א ווייטאָגליכע פראגע. לאמיר אבער פרואוון אנצורירן אויפן שפיץ גאָפל עטליכע נקודות וואס וועלן האפנטליך אויפלייכטן דער נושא.

## גאלדן-גרוב

דיין שאלה איז באמת צעטיילט אין צוויי חלקים. דער ערשטער חלק: "וואס וויל דער אויבערשטער פון מיר מיט די אלע נסיונות".

די תשובה הערט זיך אפשר אינטערעסאנט, אבער דאס איז דער ריינער אמת; "דיין טאטע אין הימל האט דיר ליב און ער וויל אז דו זאלסט פארדינען אייביגע רווחים, און טאקע דערפאר שיקט ער דיר נסיונות!".

דער הייליגע רבי לערנט אונז (ליקוטי מוהר"ן ס' ל"ו), נסיונות זענען אַן אומשאַצבאַרן גאלדן-גרוב וואס בלויז דורכדעם קענען מיר מצליח זיין אויף אייביג. ווייל עס איז נישט מעגליך אנצוקומען צו קיין שום ליכטיגקייט אין תורה און אין עבודת השם, בלויז דורכן זיך מוטשען מיט נסיונות פון קדושה.

אט די נסיונות וואס קוקט אויס אין אונזערע פליישיגע אויגן ווי ביטערע יסורים - אזש עס קען זיך דאכטן אז דאס איז א שווערער עונש וואס דערוויטערט פונעם רבוש"ע - ליגט אבער דא באמת באהאלטן אונזער גאנצע התקרבות צום אויבערשטן! ווייל מיר קענען נישט שטייגן אָן צו דורכגיין די נסיונות.

דאס זעלבע איז לגבי דעם עָבַר. מיר געפינען געוואלדיגע דיבורים אין די תורות פונעם הייליגן רבי'ן (ליקוטי מוהר"ן ס' כ"ז) אז דער עיקר תיקון און די תשובה צו פאררעכטן אלץ וואס מען האט ח"ו געזינדיגט אין די פארגאנגענהייט, איז דורכדעם וואס עס קומט ווידעראמאל ארויף אינעם מח פונעם מענטש שלעכטע מחשבות, און דאן ווען דער מענטש שטארקט זיך נישט צו טראכטן די מיאוס'ע מחשבות - אט דאס איז דער גרעסטער תיקון!

בשעת מיר באגעגענען זיך מיט א מלחמה אנטקעגן די שלעכטע מחשבות, דארפן מיר געדענקען - אז אט דא, און יעצט, קומט אונזער הצלחה! דאן וועלן מיר אוודאי צוגיין גאר אנדערש צו דער מלחמה, מיט א גבורת הנפש, מיט אַן עזות דקדושה!

## איין רגע!

דער צווייטער טייל פון דער פראגע איז: "איך שפיר זיך געפאנגען אָן קיין זעלבסט-קאנטראל אויף מיר".

געלויבט השי"ת אז דער רבי האט אונז געלערנט דערויף מיט אומצווייפלהאפטיגע דיבורים (עי' ליקו"מ תניינא נא; חיי מוהר"ן מ"ה, ועוד) אז א מענטש האט יא די כוחות אלעמאל צו פירן זיינע מחשבות **פונקט** ווי אזוי ער וויל - אפילו אויב ער איז שוין שטארק פארזינקען אין זיינע ביטערע מחשבות. וויבאלד עס איז נישט מעגליך בשום אופן אז עס זאלן זיך צונויפקומען צוויי מחשבות אויפאיינמאל אין דעם מח פונעם מענטש. דעריבער אויב וועט א מענטש פשוט אנהויבן טראכטן א גוטע מחשבה, וועט ער אויטאמאטיש געראטעוועט ווערן פון די אומריינע מחשבות.

דער הייליגער רבי נתן זאגט עדות (ליקוטי הלכות הל' תפילין הל' ו' אות ל"ב), "**פילע אינגעלייט זענען שוין ליידער אראפגעפאלן גאר טיף רח"ל צוליב אט דעם טעות אז זיי קענען נישט איינהאלטן זייערע מחשבות ח"ו**"... אבער די הייליגע צדיקים זענען מגלה אז דאס איז א הוילע דמיון, ווייל באמת קענען מיר גרינגערהייט אוועקגיין פון די שלעכטע מחשבות צו ריינע מחשבות.

זעען מיר פון אט די אלע ליכטיגע דיבורים; מיר דארפן נישט ארבעטן אויף איינמאל אז די נסיונות זאלן אונז גענצליך אפלאָזן, נאר פשוט אין **איין רגע** איבערטוישן דער מחשבה צו אַן אנדערע מחשבה! אין אט די קליין מינוט'קעלע לאמיר מסיח דעת זיין פון דער מחשבה!

מיר דארפן נישט צילן צו א רואיגקייט אָן קיין מלחמות, נאר אונזער אמת'ער נצחון איז, ממליך זיין דעם אויבערשטן אין אט דער רגע. די קומענדיגע רגע איז שוין א נייע פרשה פאר זיך מיט א פרישע מלחמה און עקסטערע נצחון.

די מלחמה איז דווקא אָן קיין גרויס געטומל, בלויז אנהויבן פשוט טראכטן א צווייטע מחשבה, אט דאס איז אונזער ציל, און בלויז אזוי וועט זיין בס"ד אונזער נצחון!

אט דער געדאנקען-גאנג איז קריטיש וויכטיג צו האלטן פאר די אויגן און חזר'ן נאכאנאנד, ווייל מיט דער הבנה וועלן מיר בס"ד קענען צוטרעטן צו דער געשמאקער מלחמה, די זיסע קריג, און גרינגערהייט צוקומען צום תכלית.

הצלחה רבה.

# א פונק פון חיות

## רביה"ק אמר: א אינגערמאן דארף שרייען און שרייען צו דעם אויבערשטן!

שיש"ק החדש ג' צ"ד



# מקור מים חיים

א ווארט אויף די פרשה

## שלך אי אתה רואה - אתה רק תעשה את שלך.

וְלֹא יֵרָאֶה 'לְךָ' חָמֵץ - שֶׁלְּךָ אִי אַתָּה רוֹאֶה אֲבָל אַתָּה רוֹאֶה שֶׁל אֲחֵרִים. כִּי חָמֵץ הוּא בְּחִינַת חִמּוּץ הַמֹּחַ שֶׁהֵם מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וְהִרְהוּרִים שֶׁהֵם אֲסוּרִים בְּמַשֶּׁהוּ, וּצְרִיכִין לְבַעֲרָם וּלְבַטְּלָם וּלְגָרְשָׁם מִגְּבוּלוֹ. אֲבָל **אִם הָאָדָם עוֹשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ וּמִתְגַּבֵּר בְּכָל כֹּחוֹ לְבַעֵר וּלְגָרֵשׁ הַמַּחֲשָׁבוֹת רָעוֹת מִקִּרְבּוֹ**, וְהֵם אַף עַל פִּי כֵן בָּאִים בְּעַל כָּרְחוֹ עָלָיו בְּכָל פַּעַם, **עַל זֶה אֵין הָאָדָם חַיָּב כְּלָל!** וְזֶה בְּחִינַת שֶׁלְּךָ אִי אַתָּה רוֹאֶה אֲבָל אַתָּה רוֹאֶה שֶׁל אֲחֵרִים, הַיְנוּ מֵאַחַר שֶׁהָאָדָם נִזְהָר וְנִשְׁמָר מֵחָמֵץ שֶׁלּוֹ, הַיְנוּ שֶׁלֹּא יַחֲמִיץ מֹחוֹ בְּמַחֲשָׁבוֹת חוּץ וְהִרְהוּרִים, וְאִם אַף עַל פִּי כֵן נִכְנַס הָעַכּוּ"ם שֶׁהוּא הַסִּטְרָא אָחֳרָא וַחֲמֵצוֹ בְּיָדוֹ, שֶׁהֵם הַהִרְהוּרִים שֶׁבָּאִים עָלָיו שֶׁלֹּא בְּכַוָּנָה, אֵינוֹ חַיָּב עַל זֶה, כִּי אֵין זֶה חָמֵץ שֶׁלּוֹ, רַק שֶׁצָּרִיךְ לִזָּהֵר שֶׁלֹּא יִגַּע בּוֹ וְלֹא יֵהָנֶה מִמֶּנּוּ וְלֹא יִהְיֶה נִמְשָׁךְ אַחֲרָיו כְּלָל.

ליקוטי הלכות חושן משפט ב - הִלְכוֹת נְזִיקִין – הֲלָכָה ד – אות ה'